בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תצא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 449


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די ניצחון אין די מלחמה איז אנגעהאנגען אין תפילה

"כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ" (כא י)

רבי שלמה אב"ד לובלין זאגט: 'כִּי תֵצֵא' איז בגימטריה 'התפלה', דיך צו לערנען אז די אידן געווינען זייערע פיינט דורך תפילה, אזוי ווי דוד זאגט אין תהילים (כ ח): "אֵלֶּה בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵינוּ נַזְכִּיר".

לייגט צו רבי שלמה זלמן עהרנרייך פון שאמלוי אז אויך דער המשך פון דער פסוק לערנט אונז אז די ניצחון אין די מלחמה איז געוואנדן אין תפילה; "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ", וויאזוי? "בְּיָדֶךָ" - אין זכות פון אויסשפרייטן די הענט ביים דאווענען. אזוי ווי מיר טרעפן אז תפילה ווערט אנגערופן 'פרישת כפים', אזוי ווי עס שטייט (שמות ט כט): "כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי אֶל ה'".

'ספר הגימטריאות'; 'אבני המקום' - 'אבן הרחיים' נט

### געווינען אין זכות פון 'ושבי"ת שבי"ו'

"כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ" (כא י)

פון דער לשון הפסוק (דברים כ ב-ג): "וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם; וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", דרש'ענען די חכמים (סוטה מב ב): "אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית - אי אתם נמסרים בידם".

א רמז אז די מצוה פון קריאת שמע ראטעוועט די אידן אין מלחמה זאגט **רבי אברהם צבי ווייס** אב"ד 'נוה אחיעזר' טרעפן מיר אין דער פסוק: "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ", אין זכות: "וְשָׁבִי"תָ שִׁבְי"וֹ" - וואס איז ראשי תיבות: "ומייחדים שמך בכל יום תמיד ואומרים באהבה שמע ישראל".

'ברכת אברהם'

### 'נושא בעול' זיין מיט הקב"ה

לֹא תִרְאֶה אֶת חֲמוֹר אָחִיךָ אוֹ שׁוֹרוֹ נֹפְלִים בַּדֶּרֶךְ וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ (כב ד)

רש"י טייטש (ע"פ ב"מ לב א) אז דער לשון הפסוק: "הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ" לערנט אונז אז די מצוה 'הקם תקים' איז נאר ווען דער בעל הבהמה העלפט צו. "אבל אם הלך וישב לו, ואמר לו: 'הואיל ועליך מצוה, אם רצית לטעון - טעון', פטור".

פלעגט דער '**חפץ חיים**' זאגן אז דאס זעלבע איז אויך ווען דער מענטש דאוונט און בעט זוכה צו זיין אין עפעס א רוחניות'דיגע מעלה, העלפט מען אים פון הימל נאר אויב ער איז זיך אויך משתדל מיט די אייגענע כוחות. דעריבער איז נישט גענוג צו בעטן: "והאר עינינו בתורתך" און נאכן דאווענען אהיים גיין... נאר נאכן דאווענען זאל ער זיך אראפזעצן און לערנען אביסל, דעמאלט וועט מען אים העלפן מן השמים ער זאל מצליח זיין. א מענטש וואס שטרענגט זיך נישט אן צו היטן זיין מויל - וויאזוי קען ער בעטן: "נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה"?!

דער חפץ חיים פלעגט צו דעם צושטעלן א פאסיגן משל: א ארעמאן האט זיך געבעטן ביי זיין פריינד דער עושר, ער זאל אים פארבארגן א געוויסע סומע צו קענען לעבן. דער עושר האט באשטימט פאר אים א צייט צו קומען אין זיין אפיס, אבער ווען עס איז אנגעקומען די באשטימטע צייט האט דער ארעמאן פארשפעטיגט פון צו קומען. צומארגנ'ס איז דער ארעמאן נאכאמאל געקומען בעטן א הלוואה, און דער עושר האט אים ווידער געזאגט א צייט און ער האט זיך ווידער נישט באוויזן. קען דער ארעמאן זיך אפרעדן אויף דעם עושר וואס העלפט אים נישט?!

מיר זענען ווי יענער ארעמאן, מיר בעטן עטליכע מאל פון הקב"ה מיר זאלן זוכה זיין צו פארשידענע רוחניות'דיגע מעלות. הקדוש ברוך הוא נעמט אן די בקשות און וויל זיי ערפילן, אבער אויב מיר וועלן זיך נישט משתדל זיין און זיך אליין אנשטרענגען זיי צו קונה זיין, וועלן מיר אויסזעהן ווי דער ארעמאן וואס דערלייגט זיינע געלעגנהייטן...

'חפץ חיים' על התורה

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### כל יום תענה צ' אמנים

די וואך וויל איך מקדיש מיינע ווערטער אויף זייער א וויכטיגע וויסנשאפט, וואס איז נישט גענוג פארשפרייט און באקאנט. אז מיר זענען זוכה פון אט דער פלאטפארמע, דער פלאטפארמע פון "בני מאמינים", צו מחזק זיין און הייבן די ענין פון ענטפערן 'אמן', איז נישטא מער א פאסיגע ארט צו וועקשטעלן די זאכן ווי דא.

נו, דער ענין פון 'מאה ברכות' ווייסן דאך מיר אלע; א מענטש דארף זאגן הונדערט ברכות יעדן טאג. אבער גלייכצייטיג אויך ענטפערן אמן האט א סומע - ניינציג אמנים א טאג. דער מענטש דארף זיך משתדל זיין צו טרעפן אומוויינ'ג'סטנס 90 געלעגנהייטן יעדן טאג צו זאגן אמן, ווען פארשידענע חשבונות זענען געזאגט געווארן אין דעם, אבער קודם וועלן מיר זיך באציען אויף דער ענין אליין:

מען דארף וויסן אז עס איז טאקע אזוי! די סומע פון ניינציג אמנים יעדן טאג איז א חובה! עס ווערט געברענגט אין די פוסקים (זען מגן אברהם אורח חיים ו, ט) בשם דעם זוהר הקדוש (תיקו"ז מ א).

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז די חוב איז מרומז אין די נאמען פון אונזער פרשה - 'כי תצא' - וואס איז ראשי תיבות: "כ'ל י'ום ת'ענה צ' א'מנים". דערצו, ווי סימבאליש איז, אז די ווארט 'אמן' - איז גימטריא צ"א - וואס איז ראשי תיבות: 'צ' א'מנים'.

אפשר קען מען דערמיט מרמז זיין, אז די צאל פון די טעגליכע ברכות איז הונדערט, צען מער פון די 'אמנים', כדי צו דערמאנען און מחזק די גרויסקייט פון זאגן אמן אין צוגלייך צו די ברכה, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", דעריבער איז גענוג ניינציג אמנים אנטקעגן די הונדערט ברכות.

צו פארענדיגן די ציפער פון ניינציג אמנים געפונען מיר עטליכע וועגן און אפציע'ס אין די פוסקים, אבער דאס איז קלאר אז דער עיקר פון די מצוה איז דורך ענטפערן 'אמן' באזונדער אויף ברכות אויסער די 'אמן' וואס מען דארף ענטפערן אויף די קדישים (ראה שו"ת הרמ"ע מפאנו סי' קח, הביאו המג"א שם).

אויך דארף מען אנמערקן, אז אנדערש פון דער חוב פון זאגן 'מאה ברכות', וואס א מענטש קען דערגרייכן אין א געוועגליכן טאג לויט זיין געווענליכן התנהגות, אבער כדי צו דערגרייכן צו ניינציג אמנים אויף ברכות, מוז מען זיך אנשטרענגען; ווייל אפילו מיט אלע ברכות ביים דאווענען און חזרת הש"ץ דערגרייכט מען נאר ארום א האלב פון די צאל וואס די חכמים האבן געהייסן.

די פאקט איז די הויפט סיבה פארוואס כלל ישראל פירט זיך ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון אנדערע מתפללים; דער וואס הערט די ברכות השחר פון כאטש דריי מענטשן, וועט גרינג קענען אויספירן זיין טעגליכן סומע.

די ערקלערונג איז נישט מיינ'ס! עס שטייט שוין אין די ספרי גדולי הפוסקים (ראה מג"א ו, ט שם ומשנ"ב שם ס"ק יג) וועגן דעם מנהג פון זאגן ברכות השחר בחברותא: "**וועושים כן כדי להשלים תשעים אמנים**", זען מיר דא זייער א יסודות'דיגע סיבה אויף דעם מנהג, וואס איז געגרינדעט געווארן אין די פריערדיגע צייטן, און וואס מיר שטרעבן שטענדיג צו מעורר זיין.

אשרינו, אז מיר שטייען אויף און זאגן די ברכות השחר מיט א ליבשאפט איינער צום אנדערן, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין יעדן טאג צו ענדיגן די צאל פון די ניינציג אמנים אויף ברכות אזוי ווי די קדמונים האבן באפוילן.

**מיט א רוף "כ"י תצ"א"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א טאפלטע ישועה אין זכות פון קידוש לבנה

די מעשה וואס איז געהערט געווארן פון כ"ק מרן אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א, איז דערציילט געווארן נאך א מעמד 'קידוש לבנה' פאר אסאך יארן צוריק, דורך דער בעל המעשה, א טייערער איד וועלכער האט איבערגעלעבט דעם ביטערן חורבן ביי די צווייטע וועלט'ס קריג און בדרך נס גערעטעוועט געווארן א דאנק מצות קידוש לבנה.

די מעשה ברענגט שטארק ארויס און זאגט עדות אויף דעם כח און סגולה פון די מצוה פון קידוש לבנה, אזוי ווי דער 'באר היטב' שרייבט (או"ח תרב ד):

"אמאל זענען גוים באפאלן א איד אינמיטן נאכט און אים געוואלט הרג'ענען, האט ער געבעטן מען זאל ערלויבן צו טון איין מצוה בעפאר זיין טויט. דעמאלטס איז די לבנה באנייט געווארן, האט ער מקיים געווען אט די מצוה מיט גרויס כוונה, און עס איז אים געשען א נס ווען ער איז געשפרינגען דריי מאל אזוי ווי דער מנהג, האט אים די ווינט אוועקגעטראגן און אים גערעטעוועט. אויך האב איך געהערט, אז ווער עס איז מקדש די לבנה, פון דעם טאג וואס ער האט עס מקדש געווען, זאל ער זיך נישט זארגן, טאמער וועט ער שטארבן אין דעם חודש פון יענעם טאג און ווייטער".

און אזוי האט דער מענטש דערציילט:

"איך האב איבערגעלעבט די מלחמה יארן אונטער די דייטשן ימ"ש ווי א ארעסטאנט אין די שרעקליכע טויט-לאגערן. די נאצי'ס ימ"ש האבן געוואלט אויסמעקן יעדע האפענונג פון


קִדּוּשׁ לְבָנָה

לעבן פון אונזערע הערצער; יעדן טאג האבן זיי אויסגע'הרג'עט אידישע ארעסטאנטן אונטער פארשידענע אויסריידן. קיינער האט נישט געוואוסט ווען וועט אנקומען זיין טאג, און צו קענען עקזיסטירן האבן מיר געדארפט האבן א טיפע איינגעווארצלטע אמונה.

אני הקטן האב איך פרובירט מיט אלע מיינע כוחות צו מקיים זיין די מצוות, קלה כבחמורה, אויך אונטער די וואכזאמע אויג פון די נאצי'ס. איין נאכט ווען איך בין געשלאפן אויף די האלצערנע בעט, האב איך זיך פלוצים אויפגעוועקט צו די שיין פון די לבנה וואס האט געשיינט צו מיר דורך די שמאלע שפאלט נעבן די דאך, און איך האב זיך דערמאנט - עס איז שוין כמעט אינמיטן די חודש און איך האב נאכנישט מחדש געווען די לבנה!

וויבאלד איך האב נישט געקענט טראכטן פון אזא מעגליכקייט צו פארפעלן די דאזיגע מצוה, האב איך גענומען א גרויסע ריזיקע, און בשעת מיינע פריינד זענען געשלאפן, בין איך לאנגזאם אראפ פון בעט און געגאנגען ביז צו די טיר פון באראק.

אינדרויסן האט געהערשט א טויט-שטילקייט וואס איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געווארן דורך די שרעקליכע בילן פון די גרויזאמע הינט, מיט א שטארקע ליכט שטראל האט פון צייט צו צייט איבערגעזוכט דעם לאגער און איר אומגעגנט. איך האב געווארט אויף די פאסיגע צייט און זיך ארויסגעכאפט צו די גרויסן שטח נעבן די באראקן.

איך האב געקוקט צו די ריכטונג פון די לבנה וואס איז שוין כמעט אינגאנצן גרויס געווען, און תיכף אנגעהויבן זאגן די נוסח פון קידוש לבנה פון מיין זכרון, פון מיינע אויגן האבן אנגעהויבן רינען טרערן, איך האב זיך דערמאנט אין די נישט אזעלעכע ווייטע טעג ווען איך האב געהאט די זכות צו מקדש זיין די לבנה מיט שבת'דיגע קליידער ברוב עם, און איך האב זיך געוואונטשן מיטן גאנצן הארץ צו דעם טאג וואס איך וועל צו דעם נאכאמאל זוכה זיין.

צוליב מיין ברען און דביקות האב איך נישט באמערקט וואס ס'טוט זיך ארום מיר, און בשעת איך בין געטאנצן אויף מיין ארט און געזאגט 'כשם שאני רוקד' ווי דער מנהג איז, האב איך מיטאמאל דערהערט א געשריי - 'האלט! ' - בלייב שטיין! איך האב געעפנט די אויגן מיט גרויס שרעק, און פאר מיר שטייט א בייזער שטרענגער נאצי, און האט מיך באפוילן איך זאל אים נאכגיין.

איך האב געוואוסט - דאס איז דער סוף! פון זייער זייט האב איך געמאכט די הארבסטע זינד: איך האב פארלאזט די באראק אן ערלויבעניש.

איך בין אים נאכגעגאנגען מיט וואקלדיגע טריט ביז צום צימער פונעם גרויזאמער לאגער-קאמענדאנט. הערנדיג די פאקטן, האט ער נישט געקווענקלט אויף א סקונדע און האט געשריגן מיט טיפישע דייטשע נאצישע פארגרעבטקייט: 'צום הענגען!'

דער "הענגען" איז געווען א אפענער צימער וואס זיין פראנט איז געווען אקעגן די צענטער פון לאגער און דארט זענען געווען אויפגעבויעט 'תליה' שטאנגען, וואס אויף זיי האט מען יעדע האלבע שעה אויפגעהאנגען צוזאמען פיר מענטשן.

ווען עס איז ליכטיג געווארן האב איך זיך געפונען ארייגעווארפן אין א קליינעם צימער, צוזאמען מיט נאך דריי אנדערע אומגליקליכע אידן וואסווארטן אויך אויף זייער הענגען. מיר האבן נישט געוויסט וויפיל שעה אדער מינוט מיר דארפן ווארטן ביז דער אורטייל וועט אדורכגעפירט ווערן, אבער דאס האב איך געוואוסט אז 'אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל יתייאש מן הרחמים', דעריבער האב איך אין הארץ געטראכט פון פסוקים פון בטחון און תפילה אז השי"ת זאל צורייסן די שלעכטע אורטייל פון העכער מיר, און מיך שענקען דאס לעבן.

אינדערפרי' האט זיך געעפנט די טיר און א נאצי-סאלדאט האט אונז באפוילן אים נאכגיין. מיר זענען געווען זיכער אז דער ביטערער סוף איז אנגעקומען, אבער דאן זענען מיר איבערראשט געווארן ווען מיר האבן געהערט ווי ער זאגט צו א יונגער סאלדאט וואס איז געשטאנען פאר אים: 'די ארעסטאנטן דארף מען הענגען פיר אזייגער, ביז דעמאלט, איז א שאד אויף זיי... נעם זיי מיט דיר זיי זאלן ארבעטן אונטער דיר און גענוי פיר אזייגער זאלסטו זיי צוריקברענגען, גלייך צום הענגען..."

איבערראשט און דערשטוינט זענען מיר נאכגעגאנגען דעם זעלנער אינדרויסן פון לאגער, צו די ארט וואו מיר האבן געדארפט ארבעטן, און מיטאמאל האב איך געטראכט ביי מיר: סיווויי גייט מען אונז הענגען, און וואס האב איך צו דערלייגן?! איך האב געשושקעט צו מיינע פריינט וואס זענען געגאנגען מיט מיר: 'לאמיר אנטלויפן!', אבער זיי, וואס האבן שוין פארלוירן די געדולד, האבן מורא געהאט דערפון. איך האב פרובירט זיי באאייפלוסן וואס וועלן זיי פארלירן אויב זיי פרובירן... אבער זיי האבן באלד אפגעזאגט.

כ'האב באשלאסן צו אנטלויפן אליין, און מיט סייעתא דשמיא איז עס געווען מיט הצלחה. איך בין געראטעוועט געווארן.

איך בין אנגעקומען צו א באהעלטעניש אין א געדיכטע וואלד, וואו עס זענען געווען בלויז עטליכע אידן. מיט זייער ברייטער הארץ האבן זיי מיך אריינגענומען אין זייער געזעלשאפט, און איך בין טאקע דארט פארבליבן ביז ענדע מלחמה.

אין בעפארברייטונג צו די ענדע פון דער מלחמה, ווען די זעלנער פון די אמעריקאנער ארמיי זענען אנגעקומען צו די ארט וואו איך האב זיך אויפגעהאלטן, האב איך פלוצים געהערט דורכ'ן שמאלן שפאלט, וואו דורך דעם איז אריינגעקומען לופט אין אונזער באהעלטעניש, א שטימע פון אן אמעריקאנער זעלנער וואס שושקעט צו א צווייטן סאלדאט אין ענגליש: 'איך מיין אז איך האב דא אנטדעקט א דייטשע באהעלטעניש... לאמיר אריינווארפן א גראנאט און אלעמען אויס'הרג'ענען...'.

פון מיינע פריינד וואס זענען געווען מיט מיר, בין איך געווען דער איינציגסטער וואס האט געקענט ענגליש, און הערנדיג די דאזיגע ווערטער האב איך זיך דערשראקן און באלד ארויסגעשריגן צו די זעלנער: 'מיר זענען נישט קיין דייטשן, מיר זענען אידן!' זיי האבן גלייך צוריקגעצויגן פון זייער כוונה, און האבן אונז אויך געהאלפן געראטעוועט ווערן און אנקומען צו א פארזיכערטן ארט.

איך בין דערשטוינט געווארן ווען איך האב פארשטאנען אז די אידן זענען אויך געראטעוועט געווארן א דאנק מיין מסירות נפש צו מקיים זיין די מצוה פון קידוש לבנה. ווען נישט, וואלט איך נישט אנטלאפן און געטראפן זייער באהעלטעניש, און זיי האבן דאך נישט פארשטאנען די ווערטער פון די זעלנער, וואלטן זיי, חלילה, געשטארבן אין זייערע הענט.

אזוי בין איך צוויי מאל געראטעוועט געווארן פון טויט און אויך אויפגעבויט מיין שטוב פון דאסניי און געלעבט מיט אריכות ימים אין ארץ הקודש, א דאנק די מצוה פון קידוש לבנה".

'מילין קדישין' וירא תשפ"ב

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## די צאל פון די קדישים יעדן טאג

**יב. מען זאל נישט פארוויניגערן פון זיבן קדישים יעדן טאג. דער צאל האבן די חכמים מסמיך געווען אויפן פסוק (תהלים קיט קסג) "שבע ביום הללתיך". אבער עס איז ראוי אז יעדער זאל ענטפערן נישט ווייניגער פון צען קדישים יעדן טאג.**

מקורות וביאורים:

אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ע הרב או"ח נה א. די חוב פון הערן זיבן קדישים טרעפן מיר אין 'שבולי הלקט' סי' ח. דאקעגן די מקור פון די אנווייזונג מען זאל מהדר זיין צו הערן קדישים אין לויט די גירסה פון רמ"ק (סידור הרמ"ק דף נט ע"ב), און דער 'ראשית חכמה' (שער הקדושה פרק יז) אין די זוהר הק'.

## א רוף צום ציבור זאלן ענטפערן אמן נאך קדיש

**יג. אין סוף פון יעדע געבעט ביי קדיש, דער וואס זאגט קדיש בעט ביים ציבור: "ואמרו אמן", מזרז זיין די צוהערהער ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. דער שליח ציבור זאל נישט מאריך זיין ביים זאגן די ווערטער, ווייל דאס ענטפערן אמן באציט זיך אויף די בקשה, און די בקשה ענדיגט זיך פארן זאגן די ווערטער "ואמרו אמן". א שליח ציבור וואס איז מאריך מיטן זאגן די ווערטער "ואמרו אמן" זאל דער ציבור נישטווארטן ביז ער וועט ענדיגן, נאר באלד ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

אזוי פסק'נט דער 'מגן אברהם' (קכד יד), און דער 'משנה ברורה' ברענגט עס אראפ (שם לה) און אויך דער 'כף החיים' (שם נ).

די ווערטער "ואמרו אמן" ווערט געברענגט אין די נוסח פון קדיש וואס די ראשונים ברענגען אראפ. (ראה: סדר רב עמרם גאון סדר קר"ש וברכותיה; סדר התפלות לרמב"ם בסוף סדר אהבה). אין 'פירושי סידור התפילה לרוקח' (עמוד ס) איז ערקלערט אז די חכמים האבן עס געלערנט פון דעם וואס דוד המלך האט אזוי געזאגט ביי די ענדע פון זיין שירה (תהלים קו מח) "ואמר כל העם אמן" און מיט דעם האט ער גערופן דעם ציבור זאל ענטפערן אמן נאך אים.

אין ספר 'זכר עשות' (ערך קדיש) ערקלערט ער אז מען האט מתקן געווען זאגן "ואמרו אמן" נאר ביי קדיש און נישט ביי ברכות, ווייל ביי קדיש דערמאנט מען נישט דעם נאמען פון ה', און עס איז דא א חשש טאמער דער ציבור וועט נאכלאזן פון צו ענטפערן אמן. אבער ביי ברכות וואו מען דערמאנט י' א א שם ומלכות, ווייסן אלע און געבן אכטונג צו ענטפערן אמן.

## די חוב פון ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים

**יד. בשעת די כהנים דוכנ'ען און בענטשן דעם ציבור, דארף דער ציבור ענטפערן אמן נאך יעדע פסוק פון די דריי פסוקים פון ברכת כהנים.**

מקורות וביאורים:

אזוי איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (או"ח קכח יג). דער מקור פון דעם טרעפן מיר אין די משנה (סוטה לז ב): "ברכת כהנים, כיצד? במדינה אומר אותה שלש ברכות, ובמקדש ברכה אחת", ערקלערט רש"י (שם ד"ה ה"ג, ע"פ הגמ' שם מ א): אין לאנד פלעגן די כהנים זיך אפשטעלן נאך יעדער פסוק פון די דריי פסוקים כדי דער ציבור זאל ענטפערן אמן, און וועגן דעם ווערן גערעכנט זייער ברכה ווי דריי ברכות. אבער אין בית המקדש וואו דארט האט מען נישט געענטפערט אמן נאך די ברכות, האבן די כהנים נישט געמעגט מפסיק זיין צווישן די פסוקים און צוליב דעם ווערט גערעכנט זייער ברכה ווי איין ברכה.

## אמן אויף ברכת כהנים איז מדאורייתא

**טו. עס זענען דא וואס האלטן אז ענטפערן אמן אויף ברכת כהנים איז א מצוה מן התורה.**

מקורות וביאורים:

רבי יהונתן אייבשיץ ('מדרש יונתן' פר' כי תבוא), אזוי אויך רבי יוסף שטיינהארט פון פיורדא פון דעם זעלבן דור (שו"ת 'משנת יוסף' סי' יג) שרייבן אז דער חיוב פון ענטפערן אמן אויף ברכת כהנים לערנען מיר ארויס פון א גזירה שוה פון די ברכות און קללות וואס זענען געגעבן געווארן אויף די הר גריזים און הר עיבל. ווייל אין מסכת סוטה (לח א) לערנען ארויס די חכמים די הלכה אז ברכת כהנים דארף געזאגט ווערן אין לשון הקודש און שטייענדיג, דורך א גזירה שוה פון אט די ברכות און קללות, וואס די לויים האבן געזאגט אויף לשון הקודש און שטייענדיג. לויט דער כלל אז 'אין גזירה שוה למחצה' (זבחים מח א) קען מען זיך לערנען אזוי ווי ביי מעמד הר גריזים און הר עיבל זענען די אידן באפוילן געווארן (דברים כז טז): "ואמר כל העם אמן", אזוי אויך נאך ברכת כהנים, ליגט אויף די צוהערער א חוב צוהערן צו די פסוקים פון די ברכה און ענטפערן נאך זיי אמן. לויט דעם זעט לכאורה אויס אז די אלע דריי אמנים וואס מיר ענטפערן נאך די דריי פסוקים פון ברכת כהנים זענען מן התורה; אזוי ווי דארט זענען די אידן באפוילן געווארן ענטפערן אמן עקסטער אויף יעדע ברכה און קללה, אזוי דארף מען אויך ענטפערן אמן נאך יעדע פסוק פון די פסוקים פון ברכת כהנים.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ" (כג ו)

דער אר"י הקדוש טייטש דעם פסוק (לעיל יא כו): "רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה", די פסוק מיינט נישט צו זאגן אז הקב"ה וועט אונז חלילה געבן די קללה, ווייל "אין קללה למעלה". נאר אונז צו לערנען אז אויסער וואס הקב"ה געבט אונז ברכה, האט ער אויך צוגעגעבן דעם כח איבערדרייען די קללות אויף ברכה, דורך מקפיד זיין אויף זאגן מאה ברכות יעדן טאג. און דער פסוק איז אויך מרמז אויף דעם: "וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה" - מיט דעם וואס ער האט אונז געגעבן די תקנה פון מאה ברכות וואס זענען מהפך די קללה אויף ברכה.

לייגט צו דער אר"י אז די פאקט איז אויך מרומז אין די ווארט 'קללה' אליין, ווען מען ליינט עס איבערגעדרייט - 'הלל ק'. אונז צו לערנען אז אויב מיר וועלן איבערדרייען די ווארט 'קללה' אויף: 'הלל ק'' דורך דעם וואס מיר וועלן מקפיד זיין לויבן השי"ת ק' מאל א טאג, וועט פון די קללה זעלבסט ווערן א ברכה.

## מאה ברכות דרייען איבער די 'קללה'

אויך דוד המלך ע"ה האט עס מרמז געווען אין פסוק (תהילים קט יז): "וַיֶּאֱהַב קְלָלָה וַתְּבוֹאֵהוּ וְלֹא חָפֵץ בִּבְרָכָה וַתִּרְחַק מִמֶּנּוּ"; ווער עס ווייזט אז ער איז נישט "חָפֵץ בִּבְרָכָה", מיט דעם וואס ער איז נישט מקפיד אויף זאגן מאה ברכות ווי עס דארף צו זיין, ווייזט ער מיט דעם אז ער האט כאילו ליב א קללה און וויל עס נישט איבערדרייען אויף א ברכה.

'דרך משה' ליום יא

# מאוצרות אמונים

ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג

## עצות פאר דעם וואס האט נישט געקענט ענטפערן ניינציג אמנים

**אין די ספרים ווערן געברענגט עטליכע עצות פאר דער וואס האט אמאל אים פאסירט א אונס און זעט אז ער וועט נישט קענען משלים זיין די צ' אמנים:**

### פופצן וואו"ו'ין

א. אין תיקוני זוהר חדש (דף פג א) ווערט געברענגט אז אין א טאג וואס דער מענטש האט נישט געענטפערט ניינציג אמנים זאל ער איניזן האבן אין די פופצן וואו"ו'ין וואס זענען אין די ווערטער וואס הייבן אן די ברכה 'אמת ויציב' וואס ווערט געזאגט נאך קריאת שמע - "ויציב ונכון וקים וישר ונאמן ואהוב וחביב ונחמד ונעים ונורא ואדיר ומתוקן ומקובל וטוב ויפה". די פופצן וואו"ו'ין זענען גימטריה צ', און מיט די א' פון 'אמת' פון פריער, איז עס גימטריה צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון אמן.

### אמן אויף די הרחמן'ס

ב. אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) ווערט געברענגט, אויב עס האט פאסירט א אונס און דער מענטש קען נישט קומען אין שול, קען ער משלים זיין די צאל פון די ניינציג אמנים מיטן הערן ברכות השחר און ברכות הנהנין פון זיין הויזגעזונד. און ער קען אויך רעכענען די אמן וואס ער ענטפערט אויף די בקשות פון הרחמן וואס מען זאגט ביים סוף ברכת המזון.

### פינף און פערציג מאל

ג. נאך א עצה ברענגט דער 'בן איש חי' ער זאל זאגן יעדן טאג דער פסוק (תהלים פט נג): "ברוך ה' לעולם אמן ואמן" פינף און פערציג מאל, "און דער פסוק וועט נוצן אנשטאט ענטפערן ניינציג מאל אמן, אין דער צייט וואס ער איז א אונס און קען נישט ענטפערן". דער 'בן איש חי' איז מעיד אז ער האט זיך אויך אזוי געפירט, און האט געזאגט יעדן טאג דער פסוק פינף און פערציג מאל, נאך די פרשה פון ברכת כהנים וואס ווערט געזאגט נאך ברכות התורה ('בן איש חי' ש"א וישב אות טו).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו די הנהלה פון 'בני אמונים'**

אין די לעצטע יארן האב איך זוכה געווען זיך צו דערנענטערן צו היטן תורה און מצוות. וויבאלד איך האב נישט באקומען קיין תורה'דיגע חינוך, זענען מיין הלכה'דיגע קענטעניש נישט ברייט, איך פרוביר צו שטייגן טריט ביי טריט אין די שטאפלען פון תורה און יראת שמים.

אין אנהייב פון מיין וועג אין דער וועלט פון תשובה האב איך צום ערשטן מאל געזען אייער ספעציעלן גליון, און זינט דעמאלט האב איך דערפון יעדע וואך א געוואלדיגע חיזוק, דורך דעם בין איך באקאנט געווארן צו די גרינגע און ריזיגע מצוה - ענטפערן אמן, און אין ענקער זכות בין איך זוכה צו ענטפערן פילע אמן'ס יעדער טאג.

די דאזיגע לייכטע און וואונדערליכע מצוה מאכט מיר זייער פריילעך, ווייל יעדע מאל וואס איך בין זוכה עס צו מקיים זיין געבט דאס מיר א געפיל אז איך בין משלים די פילע מצוות וואס איך האב פארפעלט אין לויף פון די לאנגע יארן וואס איך האב נישט זוכה געווען מקיים זיין מצוות. און דערפאר, ווען איך זאג דעם פסוק (תהלים קו מח): "ברוך ה' אלקי ישראל מן העולם ועד העולם ואמר כל העם אמן", דאנק איך ספעציעל הקב"ה פארן אונז געבן אזא וואונדערליכע מצוה וואס מען קען עס מקיים זיין אן א גרעניץ און אן א מאס.

שטארקט זיך, און זעט א ברכה אין ענקער הארעוואניע, און פון הימל זאל איר באצאלט ווערן אויף ענקער ארבעט.

וואס שעצט און קוקט ארויף
**מאיר אזולאי**
**בת ים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## הגאב"ד הרמ"א פריינד זי"ע

### כ' אלול תשנ"ו


הגאב"ד הרמ"א פריינד זי"ע

רבי משה אריה פריינד איז געבוירן געווארן אין יאר תרס"ד ביי זיין פאטער, רבי ישראל אבד"ד הוניאד אין אונגארן, פון קינדווייז אן האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין התמדה אין תורה און יראת שמים. ער האט געלערנט תורה ביי זיין פאטער, און איז ערצויגן געווארן אויף די קני פון זיין זיידן, רבי אברהם יהושע פריינד, אב"ד נאסויד.

אין יאר תרצ"ג האט ער אנגעהויבן דינען אלס ראב"ד אין נאסויד, און שפעטער געדינט אלס דיין און ראש ישיבה לצעירים אין שטאט סאטמאר אונטער די רבנות פון זיין רבי'ן בעל 'דברי יואל' אונטער וועמענ'ס שאטן האט ער זיך באשיצט צענדליגער יארן. נאכדעם וואס ער האט פארלוירן זיין ווייב און אכט זין אין די מלחמה יארן, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און געוואוינט אין ירושלים, וואו דארט איז ער אויפגענומען געווארן דורך זיין רבי'ן צו דינען אלס ראש ישיבת סאטמאר, פערציג יאר איז ער געשטאנען אין שפיץ פון די ישיבה און אויפגעשטעלט אסאך תלמידים.

אין יאר תשמ"ט, נאך די פטירה פון דער גאב"ד בעל 'מנחת יצחק', איז ער געשטעלט געווארן צו דינען אלס גאב"ד העדה החרדית. זיינע דברי תורה איז געדרוקט געווארן אין די סעריע ספרים 'עטרת יהושע'. ער איז נפטר געווארן כ' אלול תשנ"ו און איז באערדיגט געווארן אין הר הזיתים אין ירושלים.

## אמן – פתח כחודה של מחט

דער רב האט געטייטש די מדרש (שהש"ר ה ג): "אמר הקדוש ברוך הוא לישראל: 'בָּנַי, פִּתְחוּ לִי פֶּתַח אחד... כחודה של מחט ואני אפתח לכם פתח שיהיו עגלות וקרוניות נכנסות בו", אז עס גייט ארויף אויף די טויערן פון ברכה וואס עפענען זיך אין זכות פון ענטפערן אמן; הקב"ה בעט פון אונז א קליינע און גרינגע זאך ווי א שפיץ פון א נאדל - מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן כהלכה - און אנשטאט דעם עפנט ער פאר אונז אין הימל ריזיגע טויערן פון ברכה און טובה אן א סוף און אן א עק ('עטרת יהושע' האזינו).

## ברכות השחר מיט א חברותא

יעדן טאג איז דער רב ארײַן אין בית המדרש ווען ער איז שוין אנגעטון מיט'ן טלית און תפילין, צוגעגאנגען צו זיין ארט און אנגעהויבן זאגן די ברכות השחר מיט א הויך קול כדי מען זאל נאך אים ענטפערן אמן. ווען ער האט געענדיגט פלעגט ערווארטן ביז דער שליח ציבור וועט צוקומען זאגן די ברכות בקול רם, כדי ער זאל ענטפערן נאך אים אמן ('משה רעיא מהימנא' ח"א עמ' נח).